# "גוים וואָס פאַרנעמען זיך מיט אידיש"

**צי האָבן זיי וועלכע ניט איז ברייטערע התחייבות לגבי אידישע פראַגן, אויסער די ד' אמות פון שטודירן און פאָרשן? – וועגן "האַלבע אַנטיסעמיטן" וואָס גיבן זיך אָפּ מיט אידיש. – אין מערב און אין מזרח זיינען דאָס גאָר פאַרשיידענע פראַגן. – אַ שטיקל חשבון הנפש צו די ימים נוראים.**

## קאַפּיטעלעך אידיש (י')

**פון הירשע-דוד כ"ץ**

אַ נוגע בדבר איז מדעיקרא מחויב דאָס מוסר מודעה צו זיין ביים סאַמע אָנהויב. איז אָט־וואָס: פון זינט איך בין אַוועקגעפאָרן פון מיין היימשטאָט ברוקלין, זיך באַזעצט אַלס יונגערמאַן אין לאָנדאָן הבירה, און אָנגעהויבן אָנפירן מיטן לימוד פון דער אידישער שפראַך און ליטעראַטור אין דער אַלטער אוניווערזיטעט־שטאָט אָקספאָרד, מיט אַ שיינע פאָר יאָר צוריק, האָט מען אויף מיר גענומען אָנפאַלן:

"סטייטש, ר' איד, וואָס גייסטו לערנען מיט גוים אידיש? וואָס דאַרפן זיי דאָס? עפּעס איז דאָ אַ קאַפּ חשוד. ווי זאָגט מען עס, אַ הון וואָס קרייעט דאַרף מען קוילען!"

להיפוך צו די קרייזן אַרום דעם לימוד פון אידיש אין ניו יאָרק, וואו די מערסטע אָנטיילנעמער זיינען בטבע אידן, און דער מיעוט ניט־אידן אַריינגעמישטע בתוכם איז אפשר אַביסל טשיקאַווע, איז דאָס לחלוטין ניט קיין פּראָבלעם, ניט פאַר קיינעם פון די אָנטיילנעמער.

אין מיין ביאָגראַפיע, איז עס אַ קשיא געוואָרן נאָר און בלויז אַז מ'האָט גענומען בויען קלאַסן, קורסן, סעמינאַרן, פּראָגראַמען, דיפּלאָמען וכו' וואו די גרויסע מערהייט איז באַשטאַנען פון ניט־אידן, און ווען ניט ווען, אויף אַ קליינעם געביט מיט קליינע קלאַסן, וואו די סטודענטן זיינען געווען שיער ניט אינגאַנצן ניט־אידן. דער עיקר זיינען זיי געווען: ענגלענדער, ווען ניט ווען מיט אַ תלמיד פון אַן אַנדער לאַנד וואָס איז בעת מעשה געווען אין אָקספאָרד און זיך פאַראינטערעסירט מיט אידיש.

און טאָמער האָט אין יענע יאָרן אַ איד זיך געוואָנדן צו מיר מיט תרעומות, הלמאַי איך "לערן אידיש מיט גוים", פלעג איך זיך נישקשה אויפרעגן, ווי עס קען אַ ליטוואַק, און אַריינזאָגן דעם בעל־הטענה אין טאַטן אַריין, מיט אַזאַ אַרטילעריע, אַן ערך:

"דאָס איז במחילה ביי אייך אַ שפלות־קאָמפּלעקס! אַמעריקאַנער לערנען זיך איטאַליעניש, אַ פראַנצויז שטודירט סאַנסקריט, אַ איד ווערט אַ ספּעציאַליסט אויף כינעזיש, איז פּתח־שין שאַ, קיינער זאָגט קיין וואָרט ניט. קומט אָבער אַ מענטש און וויל זיך פאַרטיפן אין די אוצרות פון אַזאַ רייכער שפּראַך, מיט אַזאַ וועלט־באַוואוסטער ליטעראַטור, מאַלע וואָס אַזוי פיל אידן אַליין האָבן דערצו ווייניק אינטערעס און דרך ארץ, איז וואָס ערגערט אייך אַזויפיל, אַז סטודענטן פון ענגלאַנד און אַנדערשוואו נעמען זיך פאַרטיפן אין אידיש?" וכדומה, וכו', וכדומה וכו'... (נאָך מער: ערשט נאָכדעם ווי דער אַמאָליקער פּראָגראַם פון אידיש אין אָקספאָרד איז געוואָרן פּאָפּולער ביי גויאישע סטודענטן, האָבן גענומען אויך יאַווען וואָס אַמאָל מער אידן).

וואָס אַן אמת, בין איך עד היום, אויך נאָך עלף יאָר אין ווילנע, ביי זיך פעסט געבליבן, מעשה איינגעשפּאַרטער ליטוואַק ממש, אַז איך האָב קיין טעות ניט געהאַט. אין דער אינטערנאַציאָנאַלער, גרויס־וועלטישער סביבה פונעם אינוווערזיטעטישן טיש, וואו מ'טרעפט מענטשן פון אַלע עקן וועלט, איז רעכט אַז אויך קליינע און פּאָליטיש "שוואַכע" שפּראַכן, קולטורן, ליטעראַטורן, זאָלן קומען צום וואָרט.

## מאָטיוון וואָס אינספּירירן ניט-אידן, זיי זאָלן זיך נעמען צו אידיש

וואָס שייך די מאָטיוון, וואָס פירן סטודענטן (צי אידן צי טערקן) צום ערנסטן לימוד פון אידיש, קען איך פעסטשטעלן, אַז אין גאַנג פון אַ פינף־און־דרייסיק־יאָר אַלס לערער האָב איך אין לעבן ניט ביי ווּעמען ניט איז אַ פרעג געטאָן: "פאַרוואָס ביסטו דאָ דאָ"? (מילא, מן הסתם דערגייען דעם סטודענט די יאָרן פון אַלע זייטן די גוטע־פריינט און די עלטערן מיט פראַגעס און טענות, "וואָס דאַרפסטו פּטרן צייט מיט אידיש!?", טאָ וואָס פאַראַ פנים האָט עס, אַז דער לערער זאָל צו דעם אַלעמען ווייטער דרייען אַ קאָפּ? ביסט דאָ ביסטו דאָ, ברוך הבא!").

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז מען איז געקומען אויס אַ גאַנצער ריי טעמים, און קיין איינער פון אָט די גורמים איז חס ושלום קיין טריפה'נער ניט געווען. פריער אָדער שפּעטער, האָט שיער ניט יעדער סטודענט געפונען ווען און ווי אַזוי צו לאָזן וויסן בפרהסיא דער קלאַס, וואָס האָט אים אָדער איר צו אידיש געפירט. איינער האָט זיך אַשטייגער פאַרליבט אין אידישער ליטעראַטור אין ענגלישער איבערזעצונג (צי באַשעוויס, צי שלום־עליכם, צי אַן אַנדער שרייבער) און געוואָלט לייענען אין דער טיף, וואָס דאָס איז מען מסוגל נאָר און בלויז אינעם אָריגינאַל. אַ צווייטער, לאָמיר אָנכאַפּן, ספּעציאַליזירט זיך אין העברעאישער, אָדער דייטשישער, אָדער סלאַווישער, אָדער פאַרגלייכנדיקער ליטעראַטור פאָרשונג און עס ציט אַריינצונעמען אין קאָן אויך אידיש. אַ דריטער איז אַ היסטאָריקער און דאַרף קענען נוצן דאָקומענטן געשריבענע אויף אידיש. און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער. ניטאָ דאָ קיין סתרי תורה.

אגב אורחא, איז עס שוין בערך פינף הונדערט יאָר זינט ניט־אידישע פאָרשער האָבן זיך גענומען צו אידיש מחמת אַלערליי סיבות. קריסטלעכע הומאַניסטן האָבן אין זעכצעטן יאָרהונדערט דערזען אין אידיש אַ בריק צו דער שטודיע פון לשון קודש און אַראַמיש. מיסיאָנערן, להבדיל, האָבן געוואָלט זייערע שילער זאָלן זיך גוט אויסקענען אין דער שפּראַך פון די וועמען מען איז אויסן אַריינצוציען אין דער מעשה. געשעפטלעכע מחברים זיינען צו־הילף געקומען קריסטלעכע סוחרים זיי זאָלן וויסן וואָס ס'טוט זיך ביי אידישע קאָנקורענטן. אין אַ פיר יאָר אַרום, אין 2014, וועט ווערן פּינקטלעך פינף הונדערט יאָר פון זינט דער קריסטלעכער מחבר יאָהאַן בעשענשטיין האָט אין 1514 דערלאַנגט די כללים פון שרייבן און לייענען אויך אידיש אין זיינס אַ ביכל אויף לאַטיין אויף צו לערנען זיך העברעאיש. מיט אַ יאָר פיר שפּעטער האָט ער אויסגעהאָנגען אַן אַנאָנס אויף אַ טיר פון אַ קרעטשמע אין רעגנסבורג, אין דייטשלאַנד, מיט אַ רעקלאַמע, אַז ער קען יעדן אויסלערנען אידיש אין גאַנג פון זעקס טעג (ששת ימי אידיש?) און נאָך דערצו פאַר אַ זייער מעסיקן שכר־לימוד. די רייכע און קאָמפּליצירטע געשיכטע פון ניט־אידן וואָס האָבן זיך פאַרטיפט אין דער שטודיע פון אידיש אין משך פון הונדערטער יאָר איז פונדעסטוועגן אַ טעמע פאַר אַ באַזונדערן קאַפּיטעלע אידיש...

דערנאָך גייען מער פערזענלעכע מאָטיוון. אָט גייט עמעצער זיך מגייר זיין צוליב אַ שידוך מיט אַ אידן. און אָט ווידער טרעפט מען אַ קריסט, למשל, וואָס האָט פון דער באָבען אויף איר טויטן־בעט אויסגעפונען אַז די באָבע איז געבוירן געוואָרן אַ אידישע, און זוכט איצט זיך עפּעס וואָס לערנען פון איר און איר משפּחה'ס אַמאָליקן, פאַרלוירענעם לעבן און קולטור. פאַרשטייט זיך, אַז יעדער איינצלנער פאַל איז פאַר זיך אַן עולם ומלואו. אין משך פון די יאָרן האָט געטראָפן, אַז אַן אײדעלער מענטש איז געוואָר געוואָרן אַפילו פון אַ בטל־בששים'דיקן ניצוץ פון אַמאָליקער אידישער בלוט, און דאָס קען ווירקן, נאָך מער ווען די עלטערן האָבן ניט געוואָלט די קינדער זאָלן געוואויר ווערן. אַ כלל, פּסיכאָלאָגישע אויספאָרשער וואָלטן אויף דעם גאַנצן שטח געפונען ניט ווייניק מאַטעריאַל.

## אַ מהלך פון מערב ביז אין צענטראַל אייראָפּע, וואו אידיש איז צומאָל אַ צאַצקע ביי שטאַרק-לינקע

דער צד־השווה שבהן, אַז אין משך פון מער ווי אַכצן יאָר אין אָקספאָרד זיינען די אַלע ניט־אידן וואָס האָבן ביי אונדז דעמאָלט שטודירט אידיש, צווישן זיי אגב אָנגעפאָרענע פון אַ סך לענדער (בתוכם יאַפּאַן!) געהאַט די שענסטע באַציאונג ניט נאָר צו "אידיש" ווי אַן אַבסטראַקטן, אָפּגעזונדערטן יש, פאַר־זיך, נאָר צו אידן און אידישקייט בכלל. די ליבשאַפט צו אידיש מצד די ניט־אידן האָט זיך תמיד אַרויסגעוויזן ניט אָפּצוטיילן פון אַן איבערגעגעבנקייט אויך צו דער קולטור און ברייטערער ירושה, און אין דער ערשטער ריי, פּראָסט און פּשוט גערעדט, צו אידן גופא. פון די ניט־אידישע סטודענטן פון אידיש פונעם אייראָפּעאישן קאָנטינענט זיינען אפשר די אָנזעעוודיקסטע אין דייטשלאַנד, וואו אַ לאַנגע, פאַרפלאָנטערטע געשיכטע האָט אויך געפירט צו אַ העכסט־ספּעציפישן אינטערעס צו אידיש וואָס וואַקסט אין טייל פאַלן פון אַ קאָלעקטיוון שולד־געפיל לגבי דעם חורבן און דער פאַרניכטונג פונעם אידיש רײדנדיקן אידנטום פון מזרח אייראָפּע.

אָבער אין משך פון די לעצטע יאָרן, גראַדע אין דייטשלאַנד, אויך אַנדערשוואו אין צענטראַל אייראָפּע, נעמט זיך אָנזען וואו־ניט־וואו, ווען־ניט־ווען, אַ מער מטושטש'דיקער קאָמפּלעקס אינטערעסן ביי טייל (חלילה ניט ביי אַלע!) וואָס שטודירן אידיש. ברחל בתך הקטנה, זיינען צומאָל פאַראַן ביי פּאָליטיש שטאַרק־לינקע קרייזן פון דייטשן און אַנדערע (אגב: פּונקט ווי ביי שטאַרק־לינקע קרייזן ביי אידן גופא), אַ מין פאַרגעטערונג פון דער אַמאָליקער שטאַרק־לינקער אידישיסטישער באַוועגונג, וואָס איז בשעתה אין געוויסע צייטן און ערטער געווען סיי אַנטי־רעליגיעז און סיי אַנטי־ציוניסטיש.

טייל הײנטיקע לינקע־שבלינקע קרייזן ווילן דערפאַר זען אין "אידיש סתם" אַ סימבאָל פאַר אָט־דעם גענויען לינקיזם, און ביים הײנטיקן טאָג, קען דאָס אַמאָל אַפילו הייסן אַ העכסט נעגאַטיווע באַציאונג כלפּי דער הײנטיקער מדינת ישראל. דאָס הייסט, מיט אָפענע דיבורים, אַז מיר האָבן דאָ בפירוש ניט צו טאָן מיט אַ פאַרקרימטן צעדרייטן גלגול פון אַמאָליקן פּילפּאַרביקן שפּרודלדיקן אידישן לעבן פון פאַרן חורבן, וואו אידישיסטן האָבן זיך געאַמפּערט מיט העברעאיסטן. ניין, מיר האָבן צו טאָן היינט מיט גאָר עפּעס אַנדערש: מיט יענעם ספּעציפיש שטאַרק־לינקן אַנטיסעמיטיזם וואָס באַהאַלט זיך אויס נישקשה אינעם נוסח: "מיר זיינען ניט חלילה אַנטיסעמיטיש, מיר האָבן נאָר פיינט ישראל און דעם ציוניזם". און ביי אַ געוויסן קליינעם טייל פון די דאָזיקע חברה אַנטוויקלט זיך ווען־ניט־ווען אַן אינטערעס צו "אידיש" אַלס פאַרקערפּערונג פון דעם אַלעמען וואָס איז ביי זיי אין די אויגן ביי אידן "גוט".

אין אַ געוויסער מאָס זעט זיך אינעם הײנטיקן אייראָפּעאישן לימוד פון אידיש אַ נטיה (בלויז אַ נטיה, חלילה ניט קיין חוק ולא יעבור), וואָס לאָזט זיך אָפּגעהיטענערהייט קאַטעגאָריזירן געאָגראַפיש. אין "אמתדיקן מערב" (צפון אַמעריקע און ענגלאַנד) איז דער לימוד פון אידיש בדרך כלל ביי ניט־אידן ניט קיין ענין פון פּאָליטיק (וואָס איז שייך צו דעם לימוד פון אידיש ביי אידן איז דאָס שוין ווידער אַן ענין

פאָרזעצונג אויף זייט זעקס

# ״גוים וואָס פאַרנעמען זיך מיט אידיש״

פארזעצונג פון זייט דריי

פון הירשע-דוד כ״ץ

פאַר אַ צוקונפטיקן קאַפּיטעלע אידיש).

אין צענטראַל־אייראָפּע דאַקעגן (דער עיקר די דייטש־רעדנדע לענדער, צומאָל אויך שכנות׳דיקע לענדער, בתוכם פראַנקרייך און שוועדן), באַמערקט זיך צומאָל גראַדע אַ שטאַרקע אַנטי־ישראלדיקע נטיה ביי טייל ניט־אידן וואָס גיבן זיך אָפּ מיט אידיש און זעען דערין אַ ״כשרן״ אויסדרוק פון אַן אידעאַליזירטן אַמאָליקן אַנטי־ציוניסטישן אידישיזם.

פאַרשטייט זיך, אַז די מחלוקת׳ן צווישן אידיש און העברעאיש אַמאָליקע יאָרן קען מען בשום אופן ניט נעמען פאַר אַן ״אבי־אבות״ פון דער היינטיקער צענטראַל־אייראָפּעאישער שנאה צו מדינת ישראל און ליבע צו די דם־שונאים פון דער אידישער מדינה. צוויי באַזונדערע תקופות, קאָנסטעלאַציעס און בפירוש, כוונות וואָס זיינען אשה מאחותה טאַקע ווייט ווי: פון מערב ביז קיין מזרח.

דאָס איז אַלץ אָבער גערעדט געוואָרן וועגן צענטראַל=אייראָפּע, צו־מזרח־צו פון מערב׳דיקסטן מערב, אָבער פאָרט אַנדערש ווי מזרח־אייראָפּע ממש.

ווייטער אַ מהלך פון צענטראַל ביז מזרח־אייראָפּע, וואו אידיש איז צומאָל, פונקט פאַרקערט, אַ צאַצקע ביי — שטאַרק־רעכטע!

אין די צפון־מזרחדיקסטע לענדער פונעם אייראָפּעאישן פאַראיין, די דריי באַלטישע מדינות: ליטע, לעטלאַנד (לאַטוויע) און עסטלאַנד (עסטאָניע), און צומאָל אויך אין טייל קרייזן אין די אַרומיקע לענדער, באַמערקט זיך אַרום דעם לימוד פון אידיש, טויזנט־און־איין־נאַכט, גאָר אַ ״פאַרקערטער״ פענאָמען: אַנטיסעמיטיזם ניט פון שטאַרק־לינקן צד, אלא וואָס דען, פון עקסטרעם־רעכטן נאַציאָנאַליסטישן לאַגער וואָס שטייט ביי דער מאַכט אין אַלע דריי באַלטישע לענדער.

ס׳טרעפט, אַז עקסטרעם־רעכטע עלעמענטן צווישן די אָנפירנדיקע שיכטן (פּאָליטיקער, אַקאַדעמיקער, מידיאַ־לייט און נאָך), וועלכע האָבן אַפילו סימפּאַטיעס צו די פאַשיסטישע מערדער פון אידן פון דער חורבן־תקופה (וועמען זיי באַטראַכטן אַלס ״פּאַטריאָטן וואָס האָבן געקעמפט קעגן די סאָוועטן״), און האָבן פיינט די היינטיקע קליינע רעשטלעך קהילות אידן וואָס לעבן נאָך אין מזרח־אייראָפּע, האָבן דווקא ״ליב אידיש״!

היתכן? יאָ מיט אַן אלף, ס׳איז דאָך אַ וועלט מיט קליינע וועלטעלעך, און אין די לענדער פון אונדזער גרויזאַמען חורבן, טרעפט מען בפירוש ווילדע השגות וועגן דער צווייטער וועלט־מלחמה און וועגן אידן, ניט ביי גאַסן־אַנטיסעמיטן, נאָר גראַדע ביי ראַפינירטע, עליטיסטישע שונאי ישראל (און צומאָל ביי זייערע אידישע משרתים׳לעך).

דאָ אין ליטע, איז שוין כמה וכמה יאָרן וואָס די רעגירונג פרובירט פאַרשווייגן די אַלע עפנטלעך־מיאוסע אַנטיסעמיטישע מאַניפעסטאַציעס אין לאַנד, צווישן זיי נעאָ־נאַציסטישע מאַרשן אין צענטער שטאָט, שרייענדיקע אַנטיסעמיטישע קעפּלעך אין די טעגלעכע צייטונגען, און מיט עטלעכע וואָכן צוריק, אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ פון אַ חזיר, מיט אַ היטל און ״פאות״, וואָס מ׳האָט אונטערגעלייגט ביי דער טיר פון דער שוהל אין קאָוונע, שבת אינדערפרי, בשעת דער באַשיידענער מניין האָט געהאַלטן אין דאַוונען.

ווי עס ווייסן די לייענער פון ״זשורנאַל״ פון אַ ריי פריערדיקע אַרטקלען, פירן אָן די באַלטישע לענדער מיט אַ קאַמפּאַניע צו ״בייטן די געשיכטע״ פון דער צווייטער וועלט מלחמה. אָנשטאָט מודה צו זיין אַז ס׳איז געווען אַ קאָלאָסאַלע פרייוויליקע קאָלאַבאָראַציע מיט די דייטשן, און מערסטע פון די פאַקטישע רוצחים זיינען געווען די זעלביקע לאָקאַלע פאַשיסטן וואָס מ׳וויל דאָ היינט מאַכן פון זיי העלדן אַלס ״אַנטי־סאָוועטישע פאַטריאָטן״, האָט מען צוגעקלערט אַ כיטרע טעאָריע, אַז עס זיינען געווען ״צוויי גלייכע גענאָסידן״, אַ סאָוועטישער און אַ נאַצישער. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, האָבן פראָקוראָרן גענומען דאָ, מיט עטלעכע יאָר צוריק, באַשולדיקן די לעצטע שארית־הפליטה־אידן, וואָס זיינען געבליבן לעבן מיט דעם וואָס זיי זיינען אַנטלאָפן פון געטאָ אין וואַלד אַריין, וואו זיי האָבן געקעמפט מיט די פאַרטיזאַנער קעגן די נאַציס.

הכלל, עס איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער סקאַנדאַל אַרום דעם, נאָר עד היום האָט מען ניט צוריקגעצויגן די ״אויספאָרשונגען וועגן קריגס־פאַרברעכנס״ קעגן אָט־די שארית־הפליטה־אידן. פאַרקערט, די באַלטישע לענדער אינוועסטירן אַ וועלט מיט געלט און כוחות צו איבערצייגן דעם גאַנצן אייראָפּעאישן פּאַרלאַמענט אָנצונעמען די פאַרקרימטע אַנטיסעמיטיש־רעווידירטע געשיכטע וועגן ״צוויי גלייכע גענאָצידן״.

איז מען אָבער געפאַלן אויף אַ ״געניאַלער המצאה״: מיט ״אידיש״ קען מען מאַכן אַן אָנשטעל פאַר אויסלאַנד, און פאַר די אויסלענדישע געסט און דיפּלאָמאַטן דאָ אין ווילנע, אַז מען איז פאַרליבט אין אידן און אין דער אידישער קולטור. מען שיסט מיט שילדן אויף די בנינים וואו ס׳האָבן אַמאָל געלעבט אידישע שרייבער, מען מאַכן קלעזמער־פעסטיוואַלן און קאָנצערטן, און מען שיקט אויף אינטערנאַציאָנאַלע אונטערנעמונגען ניט־אידן, נאַציאָנאַליסטן, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט רעדן אויף אידיש, און נאַאיווע אידעלעך אין אויסלאַנד נעמען טראַכטן, אַז ס׳איז משיח׳ס צייטן, טו נאָר אַ קוק, מ׳האָט אויף אַזויפיל ליב אידן, אַז די גוים לערנען זיך אויס אידיש.

מיט אַנדערע ווערטער, ״אידיש״ איז געוואָרן אַ מין מלוכה׳שע אינדוסטריע אויף צו שיטן זאַמד אין די אויגן, מ׳זאָל וויניקער באַמערקן, אַז מען פירט אין אַ סך זאַכן, ספּעציעל וואָס שייך דער פאַרדרייאונג פון דער געשיכטע פון חורבן, אַ בפירוש אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק. די ״נייע באַלטישע ליבהאָבער פון אידיש״ מאַכן אַ פולשטענדיקן שווייג וועגן דעם אַלעמען, און גיבן זיך אָפּ מיטן מאַכן אַ גוטן איינדרוק אויף נאַאיווע אויסלענדישע אידן.

און אַז מ׳דאַרף צונויפזאַמלען פון אויסלאַנד אויף אַן אונטערנעמונג דאָ אידישע עקספּערטן איבער אידיש וועלכע האָבן ליב כבוד, געלט און פאַרווילעכטס אין לשער, פעלן ניט אויס קיין ממתקים, ווייל מ׳האָט באַשלאָסן, אַז אידיש איז אַ וויכטיקער מיטל פאַרן גוטן פירסום פאַר אויסלאַנד. אַזעלכע אויסלענדער, וואָס קומען העלפן דאָ די מלוכה, זיינען דאָס די קלאַסישע ״ניצלעכע אידישע אידיאָטן״ וועמען די אַנטיסעמיטן האַלטן פאַר אַזוי נויטיק, און וואָס פאַרראַטן סיי די אומגעקומענע און סיי די לעצטע שארית־הפליטה־אידן, וואָס די זעלביקע שמייכלענדיקע מכניסי־אורחים האַלטן פאַר ״קריגס־פאַרברעכער״.

מיט אַנדערע ווערטער, אידיש איז אין די באַלטישע לענדער, און אין ליטע בפרט, געוואָרן אַ פּאָליטישע צאַצקע פון אַנטיסעמיטן און חורבן־פאַרדרייער וועלכע האַלטן, אַז דורך אידיש, און דורך אַ בולט־אַרויסגעוויזענער ״ליבשאַפט״ צו אידיש, קען מען געווינען דעם צוטרוי פון אַ סך אויסלענדער.

טאָ, וואָס איז דערפון געדרונגען?

עס איז טאַקע זייער אָנגעווייטיקט, וואָס אין צענטראַל־אייראָפּע איז אידיש צומאָל אַ פּאָליטישע מאַכערייקע ביי עקסטרעם־לינקע וועלכע האַסן ישראל און ווילן דערווייזן וויפל זיי האָבן גלייכצייטיק ליב אידן סתם.

עס איז נאָך מער אָנגעווייטיקט אַז אין טיילן פון מזרח־אייראָפּע, און בפרט אין די באַלטישע לענדער, איז אידיש אַ מאַכערייקע ביי עקסטרעם־רעכטע אַנטיסעמיטיש־געשטימטע נאַציאָנאַליסטן, וואָס נוצן עס אַלץ אויס בכדי צו פאַרמאַסקירן אַ פּאָליטיק פון פאַרדרייען דעם חורבן און מאַכן העלדן פון די סאַמע לאָקאַלע מערדער וועלכע האָבן אומגעבראַכט דעם העכסטן פּראָצענט אידן אין גאַנץ אייראָפּע אין משך פון די חורבן יאָרן.

וואָס איז אָבער פון דעם אַלעמען געדרונגען?

אַז מ׳זאָל פון אָנהויב חושד זיין יעדן ניט־איד וואָס פאַרנעמט זיך מיט אידיש און די שייכות׳דיקע געביטן פון אידישער ליטעראַטור, קולטור, מוזיק און פאָרשונג? חס ושלום.

פאַרקערט, מיר אַלע וואָס האָבן אַן ערנסטע באַציאונג צו דער אידישער שפּראַך און אירע ליטעראַרישע און קולטורעלע אוצרות, דאַרפן זיך דערפרייען מיט מענטשן פון נאָענט און פון ווייט וואָס ווילן קומען און לערנען, און מיט דער צייט לערנען מיט אַנדערע.

פונדעסטוועגן, פון די לעצטע יאָרן איז פאָרט געבליבן אויפן געביט פון אידיש אין אייראָפּע אַ שטיקל ביי־טעם פון חשש, וואָס מ׳קען און מ׳דאַרף זייער דירעקט אַרומרעדן, טאַקע מיט אַ פולן מויל און ניט קיין האַלבן. נאָר אויף אַזאַ אופן קען מען די זאַך דערפירן צו אַ תיקון ממש.

ס׳איז דווקא זייער פשוט. סיי ביי אידן, סיי ביי די אומות העולם, גילט גראַדע אַן איין־איינציקע יושר׳דיקע מאָס: ביי די און ביי די טאָר אהבת אידיש ניט ווערן קיין אָפּגעזונדערטע צאַצקע אין אַ קעסטל אויף צו שפּילן זיך דערמיט, עלעהיי די ברענענדע אידישע פראַגן פון דער צייט און פונעם אָרט זיינען גאָרניט בנמצא.

ווער עס פאַרנעמט זיך מיט אידיש דאַרף מוכן ומזומן זיין צו ענטפערן די שונאי ישראל למיניהם; ער דאַרף זיך איינשטעלן פאַר אידישע קהילות און ווערן אַ שטאָלצער שותף.

קורץ פון דער זאַך: אהבת אידיש איז אַ פראַכטפולע מידה; אָבער ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן? אינאיינעם מיט אהבת ישראל.